שטאַר איך ווי נאָך אַ שרפה
אַן איינציקער שוואַרצער קוימען.
זיי וואונדערן זיך זייער.
זיי פאַרשטייען נישט. ווייסן נישט.
ווענדן דעם קאָפּ אָפּ פון מיר, דעם פאַרגייער,
און שפּאַנען ווייטער
און טרעטן באַרוט.
זיי איז גוט —
נישטאָ וואָס צו ריידן:
פריילך דער וואַלד,
דאָס ציגעלע זיס,
דאָס שעפּסעלע הייליק,
דעם לעמפּערט'ס הויט —
פול קאָלירן פון גן־עדן,
דאָס קעלבל צופרידן,
דאָס לייבל באַשיידן,
ס'ייִנגעלע אין כתונת־פּסים'ל
פירט צו פרידלעכע וואַסערן,
און איבער זיי — אַ הימל לויטער ווי אַ צדיק תמים.
און גאָרנישט. רייד ביז מאָרגן.
ס'איז אַלץ געענדיקט. ס'איז אחרית הימים.

## גאָרנישט אויסער ווערטער

כ'האָב אַ געשטאַלט געזען
פון אַ הויכן טליתדיקן ייִד,
מיט אַ של־ראש, וואָס האָט ווי בראַנד־פייער געגליט.
ס'האָבן זיינע ברויזנדיקע אויגן
מיך אָנגעקוקט פון אויבן
און בייז האָט ער אַ מאַך־געטאָן: מחבר!
הער אויף מיט דיינע וויסטע ריידערייען.
אויף די חורבות פון מיין נייעם,
מיין גרעסטן, מיין שרעקלעכסטן
חורבן ירושלים,
לאָז מיך דאָס געשריי פון וועלטן שרייען.
שטער נישט מיט דיין ווערעמדיקער ריידעריי,
מיט דיין ליטעראַטורעכץ —
שטום און שוידער ווען איך שריי!

אין שטומעניש און ציטער
בין איך געשטאַנען און אַרויפגעקוקט צו אים,
פאַרלוירן אין געוויטער
פון זיין גרים.
נאָר מיטאַמאָל איז מיר געוואָרן אַזוי ביטער,
אַז אויך איך האָב פלאַקערדיקס דערפילט,
און ווילד
האָב איך אויפגעברויזט צום הויכן שטראָפער:
אויב אונדז, די לעצטע יידן,
איז גאָרנישט מער געבליבן אויסער ווערטער,
ווי זשע האָסטו ס'האַרץ
צו וועלן צונעמען ביי אונדז דאָס לעצטע העמד —
אונדזערע קליינע נעבעכדיקע ווערטער?

די געשטאַלט
האָט אויף מיר אַ בליץ געוואָרפן ווי אַ שפּיי
און מיט אַ דונער איז זי מיר פאַרביי,
אַוועקגעטראָגן ערגערצוואו איר גוואַלד.

אַליין בין איך געבליבן. כ'בין געשטאַנען אין אַ וואַלד,
אַ וואַלד מיט ווערטער אונטן, ווערטער אויבן.
כ'האָב דערהערט אַ רויש:
ברענג, ווערטער־קלויבער, דיינע קוישן —
נעם זיך קלויבן!

און ווידער, —
אָ, לעצטע יידן, ווערטער־יידן, מיינע שוואַכע ברידער, —
ווידער ברענג איך גאָרנישט אויסער ווערטער,
גאָרנישט אויסער לידער.
1944

## ישראל'ס אַש ן

ווען ירמיהו זאָל איצט זיצן אויף ישראל'ס אַשן,
וואָלט ער נישט אויסגעקלאָגט קיין איכה
און וואָלט די חורבות מיט קיין טרערן נישט געוואַשן.
עפּענען דעם קוואַל פון זיינע טרערן וואָלט נישט קאָנען
גאָט אַליין. צוגליך מיט די מיליאָנען
פון פאַרברענטן פאָלק וואָלט ער געשוויגן
דאָס געהיימסטע שווייגן.
איצט איז דאָך געשריי אפילו ליגן,
אפילו טרערן זיינען נאָר ליטעראַטור,
אפילו תפילות לייגן.
1945